# אפליקאציע הנהלה רוחניות

## לשנת הלימודים חורף תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט

### לסניפי הישיבות גדולות בתוככי המתיבתא הקדושה תורה ויראה דסאטמאר - קרית יואל

| סניף "קדושת יואל" | סניף "וויואל משה" | סניף "ברך משה" | סניף "דברי יואל" |
|---|---|---|---|
| הרה"ג רבי קלמן האלבערשטאם שליט"א<br>מנהל רוחני | הרה"ג רבי לוי יצחק בארזעסקי שליט"א<br>מנהל רוחני | הרה"ג רבי הלל ראבינאוויטש שליט"א<br>מנהל רוחני | הרה"ג רבי דוד שלמה עקשטיין שליט"א<br>מנהל רוחני |

ב"ה

שם האב ______________________________

טעל. ____________ סעל. ____________

שם הבחור ___________________________

Name ____________ Last __________________

Address ______________________________

City ___________ State ________ Zip _________

יום הולדת: יום____ לחודש______ תש"___

ולמספרים: ____/____/_____

כ'וויל איינשרייבן מיין זוהן אין:

☐ דארמיטארי ☐ שבת קודש

איר האט שוין געהאט בעבר א זוהן אין ישיבה ? ☐ יא ☐ ניין

☐ לומד בישיבה קטנה שיעור ג׳ ☐ לומד בישיבה גדולה שיעור א׳ (צעירים וו"ב)

שם הישיבה ____________________

שם המנהל הר"ר ___________________________ שליט"א

טעל ________________ סעל ________________

| שם המגי"ש קוצ"ה | שם המגי"ש אחצ"ה |
|---|---|
| ____________________ | ____________________ |
| טעל ________________ | טעל ________________ |
| סעל ________________ | סעל ________________ |

באיזה מסכת / פרקים למדת בשנה העבר? ____________________

באיזה שו"ע / סימנים למדת בשנה העבר? ____________________

**ממליצים**

1) הב׳ ______________________ ב"ר ____________

2) הב׳ ______________________ ב"ר ____________

3) הב׳ ______________________ ב"ר ____________

4) הב׳ ______________________ ב"ר ____________

---

**ביטע פילט אויס מיט וועלכע חברים איר ווילט אייער בחור זאל בלייבן צוזאמען:**

1) הב׳ ______________________ ב"ר ____________

2) הב׳ ______________________ ב"ר ____________

3) הב׳ ______________________ ב"ר ____________

4) הב׳ ______________________ ב"ר ____________

5) הב׳ ______________________ ב"ר ____________

בנוגע סיי וואספארא בקשה אדער אויב איר פיהלט מער תועלת פאר אייער זוהן אין א געוויסע סניף (אפי׳ אן זיינע חברים), קענט איר דאס אנצייכענען (לכה"פ 2 אויסוואלן) און ארויסשרייבן די סיבה ביי די הערות אדער זיך ווענדן צו:

**הרה"ג ר׳ דוד שלעזינגער שליט"א**

**אויפן טעל: 845-502-3232**

און דער וועד החלוקה וועט פרובירן בעז"ה נאכקומען יעדע פארלאנג און צופרידנשטעלן אלע עלטערן אויפ'ן בעסטן אופן לויט די מעגליכקייטן

**די זמן הרשמה איז ביז עש"ק פ׳ בהעלותך - י"ז סיון דערנאך קענען מיר נישט נעמען קיין אחריות**

הערות: ____________________________________________________________

____________________________________________________________

____________________________________________________________

____________________________________________________________

ביטע צוריק פעקסן אויף:
**845-360-9760**
אדער אי-מעיל
app@utamesivta.org

**הפץ ה׳ בידינו יצליח להגדיל תורה ולהאדירה ולגדל דורות ישרים ומבורכים!**

ועו"ז באעה"ח ביום ________ חתימת האב ____________________

Email address ____________________@__________

**דער אפליקעישאן דארף ווערן אויסגעפילט קלאר און בשלימות, אן אפליקעישאן וואס וועט פעלן אינפארמאציע וועט נישט באטראכט ווערן**

בס"ד

מבצר הישיבות
סניפי הישיבות גדולות

מתיבתא תורה ויראה ד'סאטמאר
בנשיאות מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א
קרית יואל, ניו יארק

אייר - תשפ"ה לפ"ק

# לכבוד הורי התלמידים שיחיו

ביגעלייגט איז די "**רוחניות-אפליקאציע**" איינצושרייבן אייער זוהן אינעם **מבצר הישיבות - מתיבתא הק' תורה ויראה דסאטמאר** אויפן קומענדיגן **זמן החורף תשפ"ה הבעל"ט**.

כדי מיר זאלן ערמעגליכט ווערן צופרידן צו שטעלן די חשובע עלטערן שיחיו און קענען בעז"ה מסדר זיין אייער זוהן נ"ו עצהיו"ט, דעריבער נעמענדיג אין באטראכט אז דער סידור הישיבות איז א שווערע און א קאמפלעצירטע אויפגאבע, דעריבער מוזן מיר מסדר זיין די רוחניות-אפליקאציע בעוד מועד, און דאס וועט שפעטער נאכגעפאלגט ווערן מיט די גשמיות'דיגע אפליקאציע. ביטע מאכט זיכער צוריקשיקן די אפליקאציע, נישט שפעטער ווי **עש"ק פ' בהעלותך - י"ז סיון** הבעל"ט. **דערנאך קענען מיר נישט נעמען קיין אחריות אז אייער פארלאנג זאל ערפילט ווערן כראוי.**

*

## דער אפליקאציע - פראצעדור

די הנהלת ישיבתינו הק' האט ממנה געווען א חשוב'ן מרביץ תורה ומחנך, הרה"ג רבי **דוד שלעזינגער** שליט"א, צו זיין דער עומד בראש פון די וועד החלוקה, וועלכע וועלן זיך אפגעבן און שאפן א רשימה-באזע פון אלע פאטענציאלע תלמידי ישיבתינו שיחיו לויט די פינקטליכע אינפארמאציע פון איעדן תלמיד.

דאן וועלן די וועד החלוקה דורכגיין יעדע אפליקאציע באזונדער, און פרובירן ווי ווייט מעגליך צופרידנצושטעלן יעדן איינעם עצהיו"ט, און אזוי אויך פארזיכערן אז יעדע ישיבה פארמאגט א באלאנסירטער אויסוואל פון אלע קאטאגאריעס בחורים שיחיו, מיט א אחריות'פולע פונקטליכקייט צום געוואונטשענעם תועלת ותכלית פון יעדן בחור, און פון יעדע ישיבה.

תלי"ת, תורה אחת היא לכולם - אלע סניפי המתיבתא הק' ווערט געפירט דורך די חשובע מנהלים רוחניים שליט"א, תחת נשיאת הקודש פונעם גרויסן ריש המתיבתא קדישא שליט"א, מיטן הייליגן ציהל מחנך צו זיין די חשובע בחורי חמד אויפן הייליגן דרך הסלולה פון מרנן רבותיה"ק זי"ע, און - ווי באקאנט - איז מפורסם די שטארקע הצלחה בליעה"ר אין די לעצטערע יארן.

היות ווי עס האט זיך בעבר ארויסגעוויזן איז גאר א גרויסע הילף פאר די הצלחה פונעם בחור צו לערנען צוזאמען מיט עטליכע גוטע חברים פון ישיבה קטנה, אויך עפ"י רוב וויל די בחור זיך האלטן צוזאמען מיט עטליכע חברים.

דעריבער צייכנט אן 5 נעמען פון אייער זוהנ'ס חברים, מיט וועמען איר שפירט אז אייער זוהן וועט בעז"ה ווייטער צוזאמען שטייגן בין כותלי ישיבתינו הק'.

די וועד החלוקה וועט בעז"ה דורכגיין גרונטליך די רשימות התלמידים און די חברים מיט די מנהלים פון אלע ישיבה קטנות, צו באשטעטיגן אז דאס איז די ריכטיגע תכלית פאר אייער זוהן און לייגן מער געוויכט און פרובירן מסדר צו זיין אז די בחורים זאלן ווערן מסודר אינאיינעם מיט עטליכע גוטע חברים אין איינע פון די סניפים וואו ס'ווערט איינגעזען אלס מקום מוכשר פאר זייער הצלחה בעז"ה.

אויב האט איר א ספעציעלע סיבה און איר פיהלט אז פאר די תכלית פון אייער זוהן איז ענדערש ער זאל לערנען אין א געוויסע סניף, ביטע שרייבט דאס אריין אין די אפליקאציע ביי די הערות, ווי פארשטענדליך דארף ארויסגעשריבן ווערן די סיבה פארוואס איר האלט אז דאס איז די בעסטע טובה פאר אייער בחור, אויך מוז מען געבן א צווייטע אויסוואל אין פאל עס וועט זיין אוממעגליך צוצושטעלן די ערשטע אויסוואל, אין פונקט ווי און די פארגאנגענע יארן העעל"ט, האבן מיר ארייגעלייגט גאר אסאך שיקול הדעת צופרידצושטעלן אלע עלטערן, און בסייעתא דשמיא זענען טאקע רובם ככולם פון די עלטערן שיחיו צופרידנגעשטעלט געווארן. מיטן האפענונג צו השי"ת באגלייט מיט סייעתא דשמיא, גרייטן מיר זיך אי"ה היי-יאר נאכאמאל צופרידנצושטעלן אלע עלטערן שיחיו, פרובירנדיג נאכצוקומען יעדנ'ס בקשה און יעדן איינעם מסדר זיין עצהיו"ט.

*

פאלגענד איז דער סדר ההרשמה: נאכדעם וואס מיר ערהאלטן די אפליקאציעס, וועלן די בחורים שיחיו געשטעלט ווערן על כור המבחן ביי איינע פון די חשוב'ע בוחני המתיבתא הק', מיר וועלן מודיע זיין פאר אלע אפליקאנטן שיחיו א באשטימטע צייט\פלאץ\בוחן שליט"א צו פארהערן דעם בחור נ"ו כראוי וכיאות איידערן באשטעטיגן זיין אפליקאציע אנגענומען צו ווערן בין כותלי הישיבות בתוככי המתיבתא הק'.

די ענדגילטיגע החלטה אין וועלכע סניף דער בחור נ"ו ווערט אנגענומען, וועט געמאלדן ווערן אנגעהויבן פון: **א' סליחות הבעל"ט בעז"ה.**

**גערענקט! כדי מיר זאלן זיך קענען רעכענען מיט אייער אויסוואל מאכט זיכער צוריקצושיקן די אפליקאציע נישט שפעטער ווי ☛ עש"ק פ' בהעלותך - י"ז סיון הבעל"ט**

**נאכן דעד-ליין (בערך א וואך - צוויי) וועט ווערן ארויסגעשיקט א באשטעטיגונג פונעם וועד החלוקה אז אייער אפליקעישאן איז אנגעקומען אין אפיס, ביטע דאס אפווארטן!**

בסיום דברינו לאמיר פארענדיגן מיט א שותפות'דיגע תפילה לקל חי: יה"ר אז מיר זאלן ערמעגליכט ווערן מצליח צו זיין בעבודת הקודש, ארויסצוגעבן פירות מתוקים, וואס וועט אי"ה האבן אויף זיי א געוואלדיגע השפעה אויפן גאנצן לעבן, און יעדער זאל אי"ה זעהן הויפענס מיט נחת ביי בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות על ישראל שלום, עדי נזכה בקרוב לביאת משיח צדקינו, ומלכינו כ"ק רבינו הגה"ק שליט"א בראשינו, אמן.

**בכבוד רב, ההנהלה**